ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ה' אלול תשס"ה

## פרשת שופטים

טייערע קינדער שלוחים

מיר זיינען אין חודש אלול – דער חדש הרחמים. ווי איר ווייסט לערנען מיר אז דער אויבערשטער זייער נאענט צו אלע אידן אין דעם חודש. דער אויבערשטער הערט זיך צו אונזערע תפילות און איז גרייט אונז בענטשן.

יעצט איז אויך א צייט איבערטראכטן אויף אונזער פאריגע יאר, און אננעמען אויף זיך נייע החלטות אויף די קומענדיקע יאר!

לאמיר בעטן אז דעם קומענדיקע יאר זאלן מיר שוין זיין אין ירושלים מיט משיח!

איידלה וועכטער

## משיח נאו!



### פרשת שופטים און משיח

אין די וואך'ס פרשה רעדט זיך וועגן די מצוה פון האבן שופטים און שופטים– מענטשן וואס באווייזן אידן ווי אזוי פירן זיך. אין שמונה עשרה בעטן מיר "השיבה שופטינו כבראשונה" - אויבערשטער, גיב אונז צוריק די שופטים ווי מיר האבן געהאט: דאס וועט זיין אין צייט פון גאולה – ווען אידן וועלן האבן צוריק אונזערע פירערס ווי מיר האבן געהאט! די וועג צו ברענגען די גאולה איז דורך פירן זיך לויט די אנווייזונג פון אונזער פריוואטע שופט - אונזער יצר טוב– וואס זאגט אונז ווי אזוי דינען ה'!



## לעבן מיט דער צייט



### פרשת שופטים

#### התהלך עמו בתמימות

אויף "תמים תהי' עם ה' אלקיך" טייטשט רש"י: "התהלך עמו בתמימות" - מען דארף גיין מיט'ן אויבערשטן מיט "תמימות".

דאס הייסט, אז אין אלע זאכן וואס געהערן צו "ה' אלקיך", וואס דאס איז די הנהגה פון יעדן אידן, דארף מען גיין "בתמימות", ניט ארייננגיין אין קיינע חשבונות.

אין אנדערע ווערטער: עס דארף זיין די הקדמה פון "נעשה ונשמע", אז בשעת מ'האט אן "ארדער" פון אויבערשטן, דארף מען צום אלעם ערשטן אויספירן דעם "ארדער".

און דאס איז אויך די אפלערנונג פאר קינדער פון "צבאות השם":

מען זעט ביי דער מלחמה פון "צבאות השם", מלחמת היצר, אז ווען דער יצר הרע זעט אז ער קען גארניט פועל זיין, פאלט ער אויף א המצאה, צו אנהויבן ארייננווארפן כל מיני סברות און ריידן און זיך "מפלפל זיין": ער טענה'ט - דו ביזט נאך א קינד צווישן אלע קינדער, מיט אלע ערליי נארישע טענות.

אויף דעם האט מען דעם לימוד "תמים תהי' עם ה' אלקיך", אז בשעת עס קומט צו אידישקייט, צו זאגן וואס דער סאלדזשער איז אנגעזאגט געווארן פון "ה' אלקיך" (ווייל ער איז פון "צבאות השם") - איז ניטא זיך וואס צו מפלפל זיין און הערן טענות און דאס גלייכן, ווייל "תמים תהי' עם ה' אלקיך"! ובמילא טוט ער גלייך וואס מען הייסט אים.

*(המשך אין עמוד 2)*

# דעם חסידישן לוח



## דער משל פון מלך בשדה

ווענן דער ספעציעלער מעלה פון חודש אלול לגבי אלע אנדערע חדשים פון יאר, איז באוואוסט דער משל פון אלטן רבי'ן פון א קעניג וואס פארט ארום איבער זיין מלוכה און איידער ער קערט זיך אום צו זיין שטאט וואו עס געפינט זיך זיין פאלאץ גייען ארויס די מענטשן פון שטאט אים צו באגעגענען און זיינען אים מקבל פנים אין פעלד (אין דרויסן פון שטאט). און דארטן מעג יעדער איינער וואס וויל נאר צוגיין צום קעניג, און דער קעניג איז אים מקבל מיט "סבר פנים יפות", און ווייזט א שמייכלדיקע פנים צו אלעמען.

דערנאך, ווען ער קערט זיך אום אין שטאט, גייען אלע נאך אים. קומענדיק אבער צוריק אין שטאט און אוודאי ווען ער געפינט זיך ביי זיך אין זיין קעניגלעכן פאלאץ קען מען אהין ניט אריינגיין סיידן מיט אן ערלויבעניש, און אויך דעמאלט לאזט מען אריין נאר די אויסגעקליבענע, די יחידי סגולה פון דעם גאנצן פאלק, און עס זיינען פאראן פילע משרתים און שומרים וועלכע מען מוז דורכגיין ביז מען קומט אריין צום חדר פון מלך אליין:

דאקעגן ווען דער קעניג גייט ארויס אין פעלד איז אינגאנצן אנדערש: דעמאלט קען יעדער איינער צוגיין צום קעניג און אים פארלייגן זיינע בקשות, און דער קעניג, וואס נעמט יעדערן אויף מיט שמחה, איז זיכער ממלא די בקשות אין אלץ וואס מען נויטיקט זיך.

אזוי אויך איז במשך חודש אלול איז מען מקבל דעם אויבערשטן אין פעלד: דער אויבערשטער לייכט צו יעדער אידן, "יאר ה' פניו אליך", און ווי עס שטייט "א–ל ה' ויאר לנו".

## תשובה דארף זיין אין איר באשטימטן צייט – חודש אלול

חודש אלול איז דער צייט פון חשבון הנפש. אזוי ווי א בעל עסק (א געשעפטסמאן) דארף פון צייט צו צייט מאכן א חשבון וואס טוט זיך ביי אים אין געשעפט, וואס דאס גיט א הנהגה ישרה והצלחה אין געשעפט, אזוי איז אויך אין עבודת ה', אז חודש אלול איז דער צייט ווען א מענטש זאל מאכן דעם חשבון כללי פון זיין קיום התורה ומצוות און הנהגות טובות.

איינער האט אמאל געוויינט שמחת תורה, האט דער רבי רש"ב נ"ע געזאגט: " ער האט ניט געוויינט בשעת'ן זאגן "על חטא" יום כיפור, איז ער דאס משלים איצטער, נאר עס איז שלא בזמנו".

אויך יעדער זאך האט דער אויבערשטער געגעבן א באשטימטע צייט, די באשטימטע צייט וואס ער האט געגעבן אויף מאכן א חשבון הנפש איז חודש אלול.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ש"פ ראה, מברכים החודש אלול און ערב ראש חודש אלול הש"ית)*

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און בשעת דער יצר זעט אז מ'פירט אויס דער "ארדער" גלייך, אנטלויפט ער און פארלירט זיך אינגאנצן , ביז ער ווערט "אפס ואין".

קען אבער א אידיש קינד פרעגן: ער איז דאך א קליין קינד, איז ווי וועט ער קענען ביישטיין די אלע נסיונות, ובפרט אז עס זיינען פאראן ניט–אידישע קינדער ארום אים, וואס פירן זיך אנדערש דערפון (אנדערש ווי עס דארף זיין)?

אויף דעם האט מען דעם ענטפער איז די ווייטערדיקע ווערטער פון פירוש רש"י, אז דורך דעם וואס מ'פירט זיך אין אן אופן פון "תמים תהי'" (התהלך עמו בתמימות וכו'") - ווערט דעמאלט דער "**עם ה' אלקיך**" - "**אז תהי' עמו ולחלקו**".

דאס הייסט: ניט נאר איז "**ה' נצב עליו**", אז דער אויבערשטער שטייט לעבן דעם אידן, נאר נאכמער - ער איז כביכול א "חלק" פון אויבערשטן, ער האט די ג–טלעכע נפש האלקית וואס איז "**חלק אלקה ממעל ממש**".

איז במילא מובן פון וואנעט מ'האט דעם כח בייצושטיין די אלע נסיונות, ווייל בשעת מ'גייט מיט'ן כח און לויט די הוראות פון נפש האלקית, איז זעלבסטפארשטענדלעך אז די נפש האלקית פירט אלץ אויס, אין א שלימות'דיקן אופן , ובשמחה.

וואס דורך דעם האט מען אויך דעם אנדערן אפטייטש אין "תמים תהי' עם ה' אלקיך" - אז מ'איז "גאנץ", מיט א גאנצן און געזונטן גוף, און א גאנצע און געזונטע נשמה, וואס דאס גיט נאכמער כח און שמחה אין דעם דינען דעם אויבערשטן.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ד' אלול תשמ"ה)*

# דערציילט מיר א מעשה



אַ דאָקטער פון באָסטאָן וואָס ער איז פיל מאָל געקומען צום רבי'ן נאָך דער רבי האָט געהאַט דעם האַרץ אַטטאַק אין תשל"ח, האָט דערציילט. איינמאָל האָב איך געפרעגט דעם רבי'ן, "רבי, פאַרוואָס ווילט איר צוריקגיין צום אַלטן סדר פון פאַרברענגען מיט אייערע חסידים אויף שבת, איז עס ניט גרינגער צו פאַרברענגען מיט זיי אויף מוצאי שבת ווען איר קענט נוצן די מייקראָפאָן?"

האָט דער רבי געענטפערט, "שבת איז אַ הייליקן טאָג ווען יעדער איד קען זיך אויפהויבן. ווען איך פאַרברענג מיט מיינע חסידים, **איך הויב זיי אויף און זיי הויבן מיר אויף** און דאָס געשעהט בעיקר אויף שבת קודש!"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י' אלול, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת שופטים

א. וועלכע מצוה האבן מיר אין דעם וואך'ס פרשה?______________________

ב. ווען ווען מיר נאכאמאל קענען טאן די מצוה?______________________

ג. וואו בעטן מיר צו האבן דעם מצוה נאכאמאל?______________________

ד. וואס זאגן מיר?______________________

ה. ווי אזוי קענען מיר זוכה זיין צו דעם?______________________

ו. אין די משל פון חודש אלול, וואו איז דער אויבערשטער יעצט?______

______________________________________________

ז. ווי אזוי העלפט דאס אונז?______________________

______________________________________________

ח. וואס מוזן מיר טאן צוליב דעם?______________________

ט. וואס מוז מען טאן אין חודש אלול?______________________

י. וועלכע החלטה קענסטו אננעמען אין דעם חודש?______________________

______________________________________________

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס:______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**